STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04562

A LAND FAR YIDN IN OYSTRALYE

Isaac Nachman Steinberg

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Aleta Cane
in honor of
Irene Cane

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ לאַנד פאַר ייִדן
אין אויסטראַליע

פון

י. נ. שטיינבערג

פרייַלאַנד־ליגע
ניו־יאָרק, 1944

איבערגעדרוקט פון דער „צוקונפט"
(דעצעמבער 1943)

FREELAND - LEAGUE
1819 Broadway, New York City
CO. 5—0963

אַ לאַנד פאַר יידן אין אויסטראַליע

.1

דער יידישער קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט אין אויסטראַליע איז געבוירן געוואָרן פון צוויי מקורות. ערשטנס, פון דער ניי־טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט — אונטער דעם נאָמען „פריילאַנד־ליג" — זיך אָרגאַניזירט אין די דרייסיקער יאָרן און האָט אין זיך אַריינגענומען געוויסע טראַדיציעס פון די אַמאָליקע טעריטאָריאַליסטן (זאַנגוויל, סאָצ־טעריטאָ־ריאַליסטן). צווייטנס, פון דער אומגעהויערער פאָלקס־נויט און טויט־געפאַר, וואָס האָט מיט אייזערנע צוואַנגען אַרומגענומען די יידישע מאַסן אין איראָפּע זינט היטלערס ממשלה. ביידע מקו־רות האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דעם פּנים און די אויסזיכטן פון דער „פריילאַנד"־באַוועגונג, וואָס האָט גע־מוזט זיך אָריענטירן אין אַ קאַרדינאַל געענדערטער היסטאָרי־שער סביבה.

מיר ווילן דאָ היינטיקן מאָל ריידן ניט וועגן די טעאָרע־טישע פאָראויסזעצונגען, נאָר וועגן די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען פון יידישער נויט, וואָס אין זיי איז געקומען צום לעבן און איז אויסגעוואַקסן דער ·קימבערליי־פּראָיעקט. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען די מיט פייער און שרעק אָנגעגליטע לופט פון די יידישע ישובים אין איראָפּע זינט דעם נאַצישן אויפקום, — און אין פּוילן אויך פריער. הונדערטער טויזנטער יידן האָבן מיט ליידנשאַפט אַרויסגעקוקט צו אַ וועלכן ניט איז לאַנד אין דער וועלט פאַר עמיגראַציע. דער גליקלעכסטער מענטש איז געווען דער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ וויזע אין קע־שענע. אויף וועלכע וועגן האָבן אָט־די מענטשן זיך געקענט אַרויסרייסן פון זייערע געפענקעניש־לענדער ?

עס זיינען געווען נאָר צוויי וועגן. איינער, דער אַלט־באַקאַנטער וועג פון אינדיווידועלער עמיגראַציע: פון אַריינכאַפּן זיך אין אַ לאַנד, וואו די עקאָנאָמישע סיסטעם איז שוין אויסגע־בויט און וואו מען דאַרף אָנהייבן אַ שווערן קאַמף פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע. יידן האָבן עס געטאָן שטענדיק און זיי זיינען געווען גרייט צו טאָן דאָס זעלביקע אויך אין דער היט־לערזירטער וועלט — ווען נאָר טיר און טויער וואָלטן ניט געווען פאַרשפאַרט כמעט אומעטום. און עס איז געווען דער צווייטער וועג — פון אָרגאַניזירטער, קאָלעקטיוו־אויפגעפּאַס־טער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. דאָרטן האָט זיך סיסטע־מאַטיש געבויט יידיש לעבן, דעם איינוואַנדערער האָט מען אויפגענומען מיט פריינטשאַפט, און אַ סך ווייטיקדיקע פּראָב־לעמען פון דעם יחידישן עמיגראַנט זיינען ניט געווען בנמצא.

אָבער אויך דאָרטן, אין ארץ־ישראל, זיינען טיר און טויער ניט געשטאַנען ברייט אויפגעעפנט. שווערע פּאָליטישע וואָלקנס האָבן זיך געקליבן אויפן ארץ־ישראל הימל, און די צוקונפט איז געווען אומזיכער.

אָט דעמאָלט האָט אין דער יידישער פאָלקס־מאַסע און אין אַ טייל יוגנט זיך גענומען וועבן אַ ווילן, אַ רוף: מען דאַרף האָבן נאָך אַ לאַנד פאַר יידן! ניטאָ גענוג „פּערמיטס״ און וויזעס צו באַפרידיקן די נויטן פון דעם אינדיווידועלן וואַגלער, און עס איז ניטאָ גענוג סערטיפיקאַטן אויף אַריינצופאָרן קיין ארץ־ישראל. דאַרף מען באַקומען וואו ניט איז אַ ניי לאַנד, וואָס איז פּוסט און ליידיק, אָבער ניט וויסט און פּרוכטלאָז, אַ פּלאַץ, אַ טעריטאָריע, וואו די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס זיינען נאָך ניט אויסגעבויט און פאַרבויט פון אַנדערע; וואו עס איז פאַראַן אַן אויסוועג פאַר יידישער ענערגיע, עקשנות, האָרע־וואַניע. די „פריילאַנד־ליג״ האָט אויפגעכאַפּט אָט דעם אינסטינקט־טיוון רוף צו אַ לאַנד פאַר יידן, און האָט אים פאַרוואַנדלט אין דעם קלאָרן, באַוואוסטזיניקן באַגריף וועגן אַ יידיש לאַנד, אַ טערי־טאָריע.

דער דראַנג פון אַ טייל יוגנט אין פּוילן איז דעמאָלט גע־ווען ביז גאָר שטאַרק. אין וואַרשע האָבן זיך געבילדעט קרייזן יונגע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט ווערן נייע „פּיאָנערן״. אין ווילנע האָט זיך אין יאָר 1938 געשאַפן די ערשטע לאַנד־

ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע, נאָכן מוסטער פון די ארץ־ישראלדיקע חלוצים. דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען דערביי, וואָס קיינער האָט נאָך ניט געקענט גענוי דעם נאָמען פון דער צוקונפטיקער טעריטאָריע. אָבער דער באַגריף „אויסטראַליע״ האָט זיך שוין געהאַט דערטראָגן צו זיי פון לאָנדאָן. די צענ־טראַל־ביוראָ פון „פריילאַנד״ האָט אין יענער צייט געהאַלטן, אַז די מאַסן נויטיקן זיך ניט אין דער פראָפּאַגאַנדע פון דער טעריטאָריאַליסטישער אידייע, נאָר אין דעם רעאַלן אָנווייז אויף אַ טעריטאָריע, וואוהין זיי זאָלן קענען אַריינקומען פריי און ווירדיק, כדי צו בויען אַן עקאָנאָמיש־ און קולטורעל־געזונטן יידישן לעבן.

נאָך ערנסטע אויספאָרשונגען האָט מען אַזאַ מעגלעך לאַנד אָנגעצייכנט אין דעם גרויסן שטח ערד, אין דער פּראָווינץ מזרח־קימבערליי פון דעם שטאַט מערב־אויסטראַליע. צו דעם אויסוואַל איז מען געקומען אויפן יסוד פון אַ ריי אויסרעכע־נונגען. יידישע קאָלאָניזאַציע נייטיקט זיך אין אַ לאַנד, וואָס איז רחבותדיק גענוג אַריינצונעמען — ווען נייטיק — גרויסע צאָלן איינוואַנדערער. דער צווייטער געאָגראַפישער באַדינג איז, אַז דאָס לאַנד זאָל ניט זיין באַזעצט פון אַן איינגעפונדע־וועטער באַפעלקערונג, וואָס קען אַמאָל קומען אין אַ קאָנפליקט מיט די קאָלאָניסטן. דאָס לאַנד מוז, ווייטער, זיין פעאיק צו אַ געזונטער, הגם בהדרגהדיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, ד״ה, עס מוז פאַרמאָגן גענוג וואַסער, פרוכטבאַרע ערד און אַ דערטרעגלעכן קלימאַט. „קלימאַט״ מיינט מען דערביי איןביידע הינזיכטן: אין פיזישן און טאָקע אין פּאָליטישן זינען. קורץ גערעדט, דאָס לאַנד מוז זיך געפינען אין אַ דעמאָקראַ־טישער מלוכה מיט פּראָגרעסיווע טראַדיציעס. אָט־די אַלע באַ־דינגונגען האָט מען געקענט זען פאַרטראָטן אין קימבערליי.

דער אָנגעמערקטער שטח לאַנד פאַרנעמט ניט ווייניקער ווי זיבן מיליאָן אַקער, ד״ה, אַרום 10,800 קוואַדראַט מייל (אומ־געפער די גרויס ווי בעלגיע). אפילו אָט דער שטח איז נאָר אַ קלײנער טייל פון דעם גוואַלטיק־גרויסן מזרח־ און מערב־קימ־בערליי, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויף 135,000 קוואַדראַט מייל. אויף דער שטיק טעריטאָריע, באַצייכנט פון פריילאַנד, פּאַשען זיך אַ 40,000 בהמות, אָקסן און קי, אָבער די באַפעלקערונג באַ־

שטייט פון אַ פּאָר צענדליק ווייסע אויסטראַליער און אַ פּאָר הונדערט שוואַרצע איינגעבוירענע. לויט אַלע פּאָראויסזעאונגען האָט קימבערליי פאַרמאָגט וואַסער, זון און אַ טראָפּיש־דערטרעג־לעכן קלימאַט. וואָס נוגע די פּאָליטישע פאַקטאָרן איז אויסטראַ־ליע, ערשטנס, אַ דעמאָקראַטישע מלוכה מיט אַנגלאָ־זאַקסישע טראַדיציעס פון טאָלעראַנץ, און, צווייטנס, נייטיקט זיך עס ווי אין לעבן אין נייער באַפעלקערונג און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

.2

אויפן סמך פון אָט די אויסרעכענונגען האָט די פריילאַנד־ליגע באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע קיין אויסטראַליע כדי אויפן אָרט חוקר־ודורש צו זייןביידע זאַכן: אי די פיזיש־עקאָנאָמישע צוגעפּאַסטקייט פון דער קימבערליי־געגנט, אי די באַציאונג פון דער רעגירונג און פאָלק צו אַזאַ פּראָיעקט. אין מיטן די דרייסיקער יאָרן האָט די נויט געשטופּט דערצו; נאָכן דייטשישן פּאָגראָם פון 1938 האָט זי שוין געשמיסן מיט פייערדיקע ריטער. דערמיט איז צו דערקלערן פאַרוואָס אין לאָנדאָן האָט זיך דעמאָלט געשאַפן אַ קאָונסיל פון אַ ריי פּירנ־דיקע ענגלישע יידן צו שטיצן די פריילאַנד־באַוועגונג, און פאַרוואָס בכלל די אידייע פון אַ קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע האָט זיך אָנגענומען אין אַ סך ביז דעמאָלט פיינטלעך־געשטימטע קרייזן. דער שרייבער פון די שורות איז אין מאַי 1939 אָנגעקומען מיט דער שליחות קיין פּערט, הויפּטשטאָט פון מערב־אויסטראַליע.

זאָל דאָ תיכף פאַרצייכנט ווערן, אַז דער ערשטער גוטער אָפּרוף אויף דעם פּראָיעקט איז געקומען פון דער אַרבעטער־שאַפט. די מערב־אויסטראַלישע רעגירונג איז געווען אַ לייבאָר־רעגירונג, און איר פּרעמיער, מר. ווילקאָק, האָט ביים ערשטן שמועס דערקלערט, אַז זיי האָבן ניט „קיין פאָראורטיילן" קעגן אַ יידישן ישוב (דזשואיש סעטלמענט) אין זייער לאַנד, אויב נאָר מען וועט זיך צונויפריידן וועגן די נייטיקע באַדינגונגען. די הויפּטזאַך איז, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן שפּעטער ניט פאַלן צו לאַסט דעם פאָלק, זיי זאָלן טאַקע אַליין אויסבויען אַ געזונטן ישוב. זיי האָבן אָבער דערוואַרט פון מיר, אַז איך זאָל —

צוזאמען מיט עקספערטן — פאַרן זען די באַשטימטע קימבער־ליי־געגנט און אַליין אָפּשאַצן די דאָרטיקע מעגלעכקייטן פאַר אַ שטענדיקן לעבן. איך האָב עס געטאָן אין לויף פון וואָכן, און מיר זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז „דאָס לאַנד וואַרט אויף זיינע איינוואוינער״. עס איז, פאַרשטייט זיך, אַן אייגנאַרטיק לאַנד מיט אַ סביבה און קלימאַט פאַרשיידן פון די אונדז באַקאַנטע אייראָפּעאישע לאַנדשאַפטן, אָבער עס איז אַ פרוכטבאַר און צוזאַגנדיק שטיק וועלט. ווען מען אין איר אַריינלייגן אַרבעט, קאַפּיטאַל, וויסנשאַפטלעכן פּלאַן, קאָאָפּעראַטיווע אידייען און אינספּיראַציע, וועט עס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גאָט־געבענטשטן פלאַץ.

די ערשטע פראַגע, וואָס מען שטעלט געוויינלעך, איז מכוח דעם קלימאַט און די געזונט־פאַרהעלטנישן. די דאָזיקע פראַגע דאַרף געשטעלט ווערן ניט אין דער אַלגעמיינער פאָרם צי קען בכלל „דער ווייסער מענטש לעבן אין אַ טראָפּיש לאַנד״, נאָר צי איז מעגלעך אַ געזונט לעבן אין אָט דער ספּעציפישער געגנט פון אויסטראַליע. דער ענטפער איז: יאָ. איך וועל דאָ ציטירן נאָר צוויי דערקלערונגען פון באַרופענע טוער. ד״ר א. פ. דייוויס, וואָס האָט אַ סך יאָרן פאַרבראַכט אין מזרח־קימבערליי, האָט, דעם 16טן דעצעמבער 1941, דערקלערט אין פערט: „אַ געמיינשאַפט פון ווייסע מענטשן וועט דאָרטן האָבן אַלס היים אַ לאַנד, וואָס איז פריי פון אַלע גרעסערע טראָפּישע קראַנקהייטן און וואָס וועט — אין הילכות געזונט — שטיין העכער פון וועלכער־ניט־איז אַנדערער טראָפּישער געגנט אין דער וועלט״. פּראָפ׳ פּרעסקאָט, דער הויפּט פון דעם פירנדיקן אַגריקולטורעלן פאַרשונגס־אינסטיטוט, וואָס האָט פּערזענלעך באַזוכט יענעם טייל קימבערליי אין 1940, האָט געשריבן אין זיין אָפּיציעלן באַריכט: „איך האָב ניט קיין צווייפל, אַז אייראָפּייער קענען זיך צופּאַסן צו די דאָרטיקע קלימאַטישע באַדינגונגען. אָט דער שטח איז אויסערגעוויינלעך גוט וואָס שייך פאַרטיילן די נוצבאַרע ערדן״.

מיר — די עקספּעדיציע — זיינען געווען פאַרכאַפּט פון דעם בילד, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אונדזערע אויגן אויף הונדערטער מיילן. פאַרשיידענע גראָזן אין מענטשנס הויך; טויזנטער בהמות פּיטערן זיך אויף דער פריי; אומ־

צייליקע מחנות פייגלען איבערן קאָפּ און שפּרינגענדיקע קאַנ־גאַרוס אַרום אונדז; וואַסערן אַנגעפּילט מיט פיש און קראָ־קאָדילן, — אַלץ דאָס האָט געזאָגט עדות וועגן דער אומענד־לעכער שפע פון לעבן. דער אָרד־ריווער, דער וויקטאָריע־ריווער און אַנדערע טייכן האָבן דערמאָנט וועגן די וואַסער־אוצרות. די „ווייסע" מענער און פרויען, וואָס מיר האָבן געטראָפן און אויסגעפרעגט, האָבן פריינטלעך גערעדט וועגן זייערע לעבנס־דערפאַרונגען. אמת, פיר חדשים אין יאָר (פון נאָוועמבער ביז מערץ), בעת די זומער־רעגנס, ווערט די לופט זייער הייס און פייכט, אָבער דאָס באַטייט ניט, אַז דאָס לעבן אין יענער געגנט שטאַרבט אָפּ; פאַרקערט, דאָס איז די אמתע בלי־צייט פון דער נאַטור. מער ניט, דער איראָפּעאישער מענטש מוז קענען צופּאַסן זיין לעבנס־אַרט צו יענע חדשים. די אַרבעטס־שעהן אין טאָג מוזן ווערן אומגעשטעלט; אָנהייבן זיך אַרום פינף אַזייגער באַגינען, האָבן אַן איבעררייס צווישן עלף און פיר; פאַרזעצן די אַרבעטן שפּעטער ביז זיבן. עס וועט מוזן איינגעפירט ווערן אַ באַזונדער טיפּ טראָפּישע הייזער, קליידונג, לעבנס־געוואוינהייטן. בכלל גערעדט שאַצט מען אָפּ אַ קלימאַט ניט לויט די עטלעכע אויסנאַמס־חדשים, נאָר לויט דער גרעסטער צאָל חדשים אין יאָר. די היץ פון די קימבער־לייס קען, אין אַט דער הינזיכט, פאַרגליכן ווערן מיט דער קעלט פון סיביר. פונקט אַזוי ווי דאָרטן האָט דער מענטש זיך צוגעפּאַסט צום קלימאַט, מנצח געווען זיינע שוועריקייטן און האָט הנאה פון אים, אַזוי אויך אין אַ וואַרעם לאַנד. דער אונטערשייד וועט נאָר זיין, וואָס דאָרטן האָט מען אַ סיסטעם פון „צענטראַל־הייצונג", בעת אין אויסטראַליע וועט מען באַלד איינפירן אַ סיסטעם פון „סענטראַל קולינג" (צענטראַל אָפּקילונג).

אויפן יסוד פון די געזאַמלטע איינדרוקן און מאַטעריאַלן האָט אונדזער עקספּעדיציע צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן צו אַנט־וויקלען דעם צוקונפטיקן ישוב. די אידייע איז — אַ גע־מישטע, אַלאומפאַסנדיקע ווירטשאַפט. די שוין פאַראַנענע פּי־צוכט זאָל ווערן פאַרבעסערט און פאַרברייטערט. גלייכצייטיק זאָלן אַנטוויקלט ווערן אַלע סאָרטן טראָפּישע לאַנדווירטשאַפט און גערטנעריי. מיר האָבן געזען די באַשיידענע אָנהייבן פון אַזעלכע גערטנער, וואָס האָבן געשיינט מיט די פאַרשיידנסטע

סאָרטן אויבסט, פּרוכטן און מעדיציניש פּלאַנצן. מאַאיס (קו־קורוזע), ניט ווייץ, וואָלט געווען דער הויפּט־אַרטיקל פון באַ־שפייזונג. די בהמות וואָלטן געשאַפן אויך דעם באָדן פאַר מילך־ווירטשאַפט. אָבער אויך דאָס איז ניט גענוג. דער יידישער קאָלאָניסט דאַרף האָבן די מעגלעכקייט אין אויסוויילן אַרבעט, ניט זיין אַריינגעצוואונגען אין איין באַזונדער געביט באַשעפטיקונג. דערפאַר זאָל מען — ביים פּלאַנירן דעם ישוב — האָבן אין זינען די ערשטע פונדאַמענטן פון אינדוסטריע. די פאַרשיידענע אינדוסטריע־צווייגן זאָלן זיך אָרגאַניש בויען אויף די דערבייאיקע רוי־מאַטעריאַלן פון פּיצוכט, גערטנעריי און לאַנדווירטשאַפט. גרויסע האַנדלס־מעגלעכקייטן שפּרייטן זיך אויס פאַר דעם לאַנד, ווייל די קימבערליי־געגנט ליגט נאָענט צום אינדישן אָקעאַן, צו יאַוואַ, צו דעם מיליאַרד מענטשן אין אַזיע. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער אויפבוי־פּלאַן מוז זיך אין אַ שטאַרקער מאָס באַנוצן מיט קאָאָפּעראַטיווע מעטאָדן. קאָאָפּעראַציע וועט שפּילן אַ צווייענדיקע ראָל: אי דערלייכטערן דעם עקאָנאָמישן בוי פון אַ לאַנד, אי הייבן אין די קאָלאָניסטן דעם גייסט פון שעפערישער צוזאַמענאַרבעט. און עס איז ניט נייטיק צו דערמאָנען, אַז אַלע מעגלעכע יידישע קולטור־אינ־סטיטוציעס וועלן ווערן איינגעפירט פון אָנהייב אָן.

3.

די וועסט־אויסטראַלישע רעגירונג האָט אָנגענומען דעם גאַנצן פּלאַן. דאָס זיינען די הויפּט־פּרינציפּן פון דעם אויפ־בוי־פּלאַן:

א. דער ישוב זאָל ניט ווערן קיין סעפּאַראַט־פּאָליטישע פּראָ־ווינץ. פאַרקערט, די קאָלאָניסטן זאָלן ווערן אויסטראַלישע בירגער, און דער ישוב גופא זאָל ווערן אָרגאַניש איינגעשלאָסן אין דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סיסטעם פון אויסטראַליע.

ב. אַ חוץ יענע פאַרוואַלטונגס־צווייגן, וואָס וועלן זיך געפינען אין די הענט פון דער אַלגעמיינער רעגירונג, זאָל די פאַרוואַלטונג מיט די עקאָנאָמישע, קולטורעלע און ענלעכע פונקציעס פון ישוב אָנגעפירט ווערן מצד די אָרגאַניזאַציעס פון די קאָלאָניסטן. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער

יידישער קיבוץ וועט קענען פריי אַנטוויקלען זיין גייסטיק און רעליגיעז לעבן אין הסכם מיט זיינע קולטורעלע טראַדיציעס.

ג. די גאַנצע אַרבעט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער ער־שטער פאַזע, מיט דער פּיאָנערן־פאַזע פון דער קאָלאָניזאַציע, וועט ווערן אָנגעפירט פון דער פריילאַנד־ליגע אָדער פון אַ ספּעציעלן יידישן קאָלאָניזאַציע־אַמט. די ליגע וועט זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דער אויסוואַל פון די קאָלאָניסטן און אויך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם ישוב אין אַזאַ אַנציענדיקער און עפעקטיווער פאָרם, אַז עס זאָל זיך ביי דער מערהייט קאָ־לאָניסטן ניט שאַפן דער ווילן צו פאַרלאָזן דעם ישוב.

ד. די עקאָנאָמיק פון דעם ישוב וועט זיין וויסנשאַפטלעך פּלאַנירט אויף אַ ריי יאָרן פאָראויס, אַזוי, אַז יעדע גרופּע פּיאָנערן וועט קומען אויפן צוגעפּאַסטן פּלאַץ מיט אַ קלאָרער אַרבעטס־פּראָגראַם. די פּלאַנירונג וועט דערגרייכן צוויי צילן: פאַרמיידן אויסצוברענגען מענטשלעכע און מאַטעריעלע כוחות אין דעם ישוב גופא, און פאַרמיידן אַ שעדלעכע קאָנקורענץ מיט די שוין באַשטייענדיקע אויסטראַלישעווירטשאַפטס־צווייגן פון דרויסן.

—:::—

די וועסט־אויסטראַלישע רעגירונג האָט אָט די פּרינציפּן אָפיציעל אָנערקענט און האָט פאָרגעשלאָגן צו מאַכן דעם צווייטן שריט: זיך ווענדן צו דער פעדעראַלער רעגירונג אין קאַנבעראַ און אויסווירקן דעם באַשלוס וועגן שאַפן אַ יידישן ישוב אין זייער לאַנד אויף די אָנגעמערקטע יסודות. אָבער דער שליח פון פריילאַנד האָט זיך נישט געווענדט אין דער הויך צו דער רעגירונג, נאָר איז אַוועק אָן אַ זייט: צו די פאָלקסמאַסן.

אויסטראַליע איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, מיט אַ דעמאָ־קראַטישער פּרעסע, וואָס גיט אַכטונג אויף יעדן שריט פון איר מלוכה. מען ווייס פון דערפאַרונג ווי נוצלאָז אָדער אפילו שעדלעך עס איז אָפּט „אַרויסצובאַקומען" עפּעס פון אַ רעגי־רונג הינטער דעם רוקן פון פאָלק. אַ יידישער קאָנצענטריר־טער ישוב איז אַ נייעס, איז אַ פּרינציפּיעלער ברוך מיט דער אַלטער פּאָליטיק אין אויסטראַליע, — מוז עס, ראשית כל,

ווערן פאַרשטאַנען פון דעם פאָלק. ערשט דעמאָלט וועט די רעגירונג נישט מורא האָבן אָנצונעמען אַ באַשלוס.

דאָס האָט באַדייט — אַגיטאַציע פון יאָרן, געפירט מיט אַ סיסטעמאַטישן פּלאַן, געווענדט צו אַלע מעגלעכע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. דער וועג צו קאַנבעראַ, אַזוי אַרום, האָט געפירט איבער פּערט, מעלבורן, סידניי, טאַסמאַניע. עס האָט זיך געהאַנדלט דערביי ניט נאָר צו דערוועקן אין די פאַר־שיידענע קרייזן פון אויסטראַליע געפילן פון מענטשלעכקייט, סאָלידאַריטעט, סימפּאַטיע צו יידישע ליידן. מען האָט געזאָלט, אַ חוץ דעם, אַפּעלירן צו אירע אייגענע אינטערעסן ווי אויס־טראַלישע אַרבעטער, סוחרים, פאַבריקאַנטן, געלערנטע, גייסט־לעכע אאַז״וו. דער יידישער פּראָיעקט האָט געזאָלט באַקומען אַ צווייפאַכן פּנים: אי דערפילן אַ הומאַניטאַרן פליכט לגבי אַ ליידנדיק פאָלק, אי באַפרידיקן דעם אויסערגעוויינלעכן אינ־טערעס אין אויסטראַלישן פאָלק גופא.

כדי איינצוזען דעם רייך־אויסטראַלישן אַספּעקט פון דעם קימבערליי־פּראָיעקט, מוז מען אַ ביסל נעענטער באַטראַכטן די נייע וועלט־לאַגע, וואָס ס׳האָט זיך לעצטנס געשאַפן פאַר אַט דעם „פאַרוואָרפענעם" קאָנטינענט. דער גינסטיקער עקאָ־נאָמישער צושטאַנד פון די אויסטראַלישע מאַסן האָט זיך גע־שאַפן אַ דאַנק אַ פּאָליטיק, וואָס עס האָבן געמיינשאַפטלעך גע־פירט סיי דער קאַפּיטאַליסטישער, סיי דער אַרבעטער קלאַס. זינט 1900 האָט די רעגירונג — אונטערן דרוק מצד די אַר־בעטער — געפירט די פּאָליטיק פון „ווייס־אויסטראַליע", ד״ה, פאַרבאָטן קאָלירטע אימיגראַציע בכלל און פון ווייסע מענטשן אין אַ גרויסער מאָס. גלייכצייטיק האָט מען אויפגעשטעלט אַלץ העכערע און העכערע טאַריף־ווענט קעגן דער קאָנקורענץ פון פרעמדלענדישע אינדוסטריעס. אַט דיביידע מעטאָדן האָבן געליפערט אַ שטאַרקן שוץ, סיי פאַר דעם אונטערנעמער, סיי פאַר דעם אַרבעטער, און טאַקע געהאָלפן שאַפן אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד אין אויסטראַליע. עס איז נאָך דאָ גענוג צו ווינטשן זיך, אָבער עס איז נישט צו לייקענען, אַז דער אַרבעטס־מענטש פאַרמאָגט דאָרטן אַ גרויסע מאָס סאָציאַלער זיכערקייט. אַט דער סטאַנדאַרד, און נאָך אַ העכערן, וויל דאָס אויסטראַלישע

פאָלק אויפהאַלטן אויף להבא. ווי זיינען אָבער די וועלט־אויס־זיכטן דערצו?

מען איז אומרואיק וועגן דער צוקונפט פון דער אינ־דוסטריע, וואָס האָט זיך גוואַלטיק אַנטוויקלט אין אָט דעם מלחמה־פעריאָד. מען האָט מורא, אַז אַ טייל אינדוסטריע וועט מען מוז אויפלייזן; עס וועט בכלל זיין שווער צו קריגן פאַר איר דעם וועלט־מאַרק. איז דאָך אויסטראַליע ביז גאָר נישט לאַנג געווען אין אינטערנאַציאָנאַלן סחורות־אויסטויש, אַ לאַנד פון אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן: ווייץ, פלייש, וואָל. אָבער אויך די אויסזיכטן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע זיינען פאַרדעקט מיט וואָלקנס. די מלחמה־פירנדיקע מלוכות, — ראשית כל ענגלאַנד (דער גרעסטער אָפּנעמער), — האָבן פאַר די יאָרן אַנטוויקלט ביי זיך אַן אייגענע לאַנדווירטשאַפט, וואָס זיי קלייבן זיך ניט אָפּשאַפן גלייך נאָכן קריג. ממילא ווערט דער אומזאַץ־שטח בנוגע אויסטראַלישן וואָל און ווייץ פאַר־שמעלערט. פון דער אַנדער זייט קלייבט זיך אויסטראַליע, ווי אַ מלוכה, נאָכן נצחון איבער יאַפּאַן, צו ווערן אַ גרויסמאַכט אין פּאַסיפיק און איבערנעמען דעם שוץ פון יענעם וועלט־טייל. די דאָזיקע אַמביציעס זיינען אָקאָרשט געקומען צום אויסדרוק אין דער רעדע פאַרן פּאַרלאַמענט פון ד״ר עוואַט, דעם אויסערן־מיניסטער. ער האָט אונטערשטראָכן דעם פאַקט, אַז „פון איצט אָן מוז אויסטראַליע אַנטייל נעמען אין באַשטימען אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן, ניט נאָר אין פּאַסיפיק, נאָר אויך אין אייראָפּע. די אויסטראַליער האָבן איצט פאַרשטאַנען ווי אינטים זייער זיכערקייט איז געבונדן מיט דער גאַנצער דרום־מערבדיקער אַזיע, און ווי איר צוקונפטיקער שלום הענגט אָפּ פון דעם, אַז די אינדזלען אַרום איר צפון זאָלן ווערן באַריערן קעגן אָנפאַלער.״

פון וועלכער זייט מען זאָל נישט צוטרעטן צו אויסטראַליעס פּראָבלעם, קומט דער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק איטלעך מאָל צו איין אויספיר: מען מוז דאָס לאַנד באַפעלקערן, מען מוז באַקומען נייע מענטשן אין די מיליאָנען. מען מוז שאַפן אַ גרויסן, אַ שטענדיק־וואַקסנדיקן אינערלעכן מאַרק, וואָס דאָס אַליין פאַרשאַפט זיכערקייט, סיי דער אינדוסטריע, סיי דעם דאָרף, סיי דער אַרבעטער־באַפעלקערונג. וואָס מער אויס־

טראַליע פּאַרלירט איר אַמאָליקע אינדזלדיקייט און איזאָלאַציע, וואָס מער זי ווערט אַריינגעצויגן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן שטראָם, אַלץ מער מוז זי זיך אויסבויען אינעווייניק, — אין אַ שנעלער טעמפּאָ, ווייל די צייט וואַרט ניט. אַ יאַפּאַנישע געפאַר, וואָס הענגט איבערן לאַנד, וועט פאַרבלייבן אויך נאָך דער מלחמה.

באַפעלקערן? אָבער גראָד דאָס פאַרלאַנגט פון פאָלק אַ קלאָרן חשבון־הנפש. ניטאָ קיין האָפענונג צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג מיט נאַטירלעכן צוואוקס. ניטאָ קיין האָפענונג אויך צו באַקומען גרויסע צאָלן ענגלישע אימיגראַנטן, באַזונדערס אַזעלכע וואָס וועלן זיין גרייט צו טאָן פּיאָנערישע אַרבעט אויף ערד. אויסטראַלישע געלערנטע שרייבן אָפן וועגן דעם „סוף פון בריטישער אימיגראַציע". **פון דער אַנדערער זייט** האָט מען מורא פאַר אימיגראַנטן פון מלוכות, וואָס קענען אַנטפּלעקן אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס, ווי דייטשלאַנד, איטאַליע, כינע. מען איז, אַזוי אַרום, געצוואונגען צו טראַכטן וועגן אַנדערע גרופּעס אימיגראַנטן, — וועגן דער פּליטים־מאַסע פון אייראָפּע, אין דער ערשטער ריי, די יידן. דער גאַנצער ענין אימיגראַציע שטייט היינט אין אַן אַנדערן ליכט ווי אפילו מיט פינף יאָר צוריק. נישט אומזיסט שרייבט פּראָפ' קאָפּלאַנד (דער פינאַנציעלער ראַטגעבער אין דער פעדעראַלער רעגירונג), אַז: „אויסטראַליע וועט מוזן ברעכן געוויסע טראַדיציעס און זיך אָפּזאָגן פון געוויסע באַליבטע פּרינציפּן, וואָס געהערן צו דער צייט, ווען זי האָט געגלייבט, אַז זי קען באַשטיין אויף אַ פּאָליטיק, מיט וועלכער די איבעריקע וועלט איז נישט געווען מסכים. אָט דאָס גלויבן אין זיכערקייט איז צעטרייסלט דורך די לעצטע געשעענישן, און זי וועט מוזן רעווידירן איר אחריות לגבי דער וועלט".

—:::—

אָט די אַלגעמיינע לאַגע, צוזאַמען מיט הומאַניטאַרע אידייען, האָט געפירט דערצו, אַז די אויסטראַליער האָבן זיך צוגעהערט צו דעם קימבערליי פּאַרשלאַג. די אַגיטאַציע פון פרייל אַנד פאַר די יאָרן 1939־1943 האָט עס באַוויזן; באַזונדערס בולט איז עס אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער האַלטונג פון די טרייד־יוניאָנס, וואָס זיי זיינען דער רוקנביין פון פאָלק. זייער

צענטראַל־קערפּערשאַפט (איי. סי. טי. יו.) מיט אַ מיליאָן אָר־גאַניזירטע אַרבעטער, איז אַ פּירנדיקער פאַקטאָר אין לעבן פון לאַנד. די אָקאָרשט־געווײלטע לײבאָר־רעגירונג פון דזשאָן קערטין שטיצט זיך אויף זיי. דעם 6טן אַפּריל 1943 האָט די „איי סי. טי. יו.״ דערקלערט, אַז זיי האָבן אָפּגעהאַלטן עטלעכע באַראַטונגען מיט ד״ר שטיינבערגן און זיי אונטערשטיצן דעם „קימבערליי־פּראָיעקט וועגן אַריבערפירן אייראָפּעאישע יידישע פּליטים צו יענעם ישוב. מיר ווילן אונטערשטרייכן, אַז די קימבערליי־געגנט ליגט אין דער געמעסיקטער זאָנע, וואָס, ווי מען ווייס, וועט פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון דער קאָלאָניע.״

דער לײבאָר קאָונסיל אין סידניי, וואָס פאַרטרעט דריי הונדערט טויזנט אַרבעטער, האָט אין אַן אָפּיציעלן בריוו דער־קלערט: „מיר ווינטשן אייך דעם גרעסטן דערפאָלג אין די באַמיאונגען צו שאַפן אין קימבערליי אַ היים פאַר די קרבנות פון פאַשיסטישער גרויזאַמקייט, וואָס האָט זיי געצוואונגען צו פאַרלאָזן די היימלענדער. מיר האָפן, אַז דער ישוב וועט ווערן אַ רעאַליטעט אין דער נאָענטסטער צוקונפט.״

אַן ענלעכע שטעלונג האָט דורך די קאַמפּאַניע־יאָרן אָנ־גענומען אַ ריי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין לאַנד. די אַנגליקאַנישע קירך האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט. דעם 9טן מערץ 1943 האָבן די דריי פירער פון די קריסטלעכע קירכן אין אויסטראַליע זיך געווענדט מיט אַן עפנטלעכן בריוו צו דעם פּרעמיער־מיניסטער קערטין. זיי הבן געזאָגט: „מיר פאַרלאַנגען אויך פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל גלייך ווי די אומשטענדן וועלן דערלויבן, באַשטימען אַ גרעסערן שטח לאַנד פאַר אַ ישוב פאַר יידישע פּליטים. דער ענין איז אוממיטל־באַר דרינגענדיק צוליב די באַדראָאונגען פון דער דייטשישער רעגירונג.״ זאָלן באַזונדערס דערמאָנט ווערן די ווערטער פון דעם זייער אָקטיוון בישאָף פילטשער: „אַ סך וויכטיקער איז דער מאָראַלישער און קריסטלעכער אַספּעקט פון דעם יידישן קימבערליי־פּלאַן. אויסטראַליע האָט איצט, פּנים אל פּנים מיט דער וועלט, אַ געלעגנהייט צו דערלייכטערן אַ ביסל די אומבאַשרייבלעכע ליידן פון יענע פילע טויזנטער, וועמען היטלער האָט געמאַכט היימלאָז״.

די פירער פון די אוניווערסיטעטן, אָן אַ שיעור פּראָ־

פעסאָרן, די לאָרד מעיאָרס פון די גרויסע שטעט, די פּרעזי־דענטן פון די האַנדלס־קאַמערן, די פירנדיקע פּרעסע־אָרגאַנען האָבן קלאָר אַרויסגעזאָגט זייער סימפּאַטיע. אין אָנהייב 1943 האָבן זיך אין סידניי און אין מעלבורן געבילדעט „קאָמיטעטן פון פריינד פאַר דעם קימבערליי־פּלאַן". עס איז כדאי צו דער־מאָנען עטלעכע פּאַראַגראַפן פון די אויפרופן, וואָס זיי האָבן פאַרעפנטלעכט:

„ביי היינטיקן טאָג, מער ווי ווען־נישט־איז פריער, מוז אויסטראַליע אָנערקענען אירע אויסגעוואַקסענע מאָראַ־לישע און פּאָליטישע פאַרפליכטונגען לגבי דער גרויסער וועלט און העלפן ווי נאָר מעגלעך די פעלקער, וואָס ווערן פאַרפאָלגט. פּאַטריאָטיזם קען זיך מער ניט באַשרענקען אויף איין איינציק לאַנד; ער אַנטהאַלט אין זיך העכערע און טיפערע פאָדערונגען, וואָס גייען אין דער ריכטונג פון ווידעראויפבוי פון גערעכטיקייט און אָרדענונג.

אין אויסטראַליע, פּונקט אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער, איז פאַראַן די מעגלעכקייט ווידער אויפצוריכטן די היימלאָזע מענטשן פון אייראָפּע. ווען די פעדעראַלע רעגירונג געבן איר הסכמה צום פּראָיעקט צו שאַפן אַ יידישן ישוב אין די קימבערלייס, וועט זי דערמיט באַווייזן, אַז מיר פאַר־שטייען ווי צו פאַרווירקלעכן אַט די מעגלעכקייט.

אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איינשליסנדיק די טרייד־יוניאָנס, די קירכן, די אוניווערסיטעטן און די פירנ־דיקע פאַרטרעטער פון געשעפטס־לעבן, האָבן צוגעשטימט צו דעם פאָרשלאָג צו שאַפן אַ היים פאַר אַ וואָס גרעסערער צאָל ליידנדיקע. מיר גלייבן, אַז צוליב די אַלע טעמים דאַרף די אויסטראַלישע רעגירונג אָנערקענען אונדזער אינטערנאַ־ציאָנאַלע אחריות."

די קאַמפּאַניע פאַר קימבערליי האָט אַזוי אַרום באַוויזן, אַז אויסטראַליע איז נישט פאַרסמט מיטן אַנטיסעמיטישן גיפט. דאָס הייסט נישט, אַז די אויסטראַליער זיינען דער ריינסטער סאָרט מענטש, אָדער אַז פון צייט צו צייט רייסן זיך אויך דאָרט נישט אַרויס קיין אַנטי־יידישע פונקען. דאָס הייסט אָבער, אַז — אַ דאַנק דער אייגנאַרטיקער געשיכטע פון יענעם לאַנד — האָבן זיך דאָרטן נישט געשאַפן יענע באַדינגונגען, וואָס פירן צו דעם אויפקום

פון אַן אָרגאַניזירטער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. פאַר די 150 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט אויסטראַליע נישט איבערגעלעבט ביי זיך קיין מלחמות, רעוואָלוציעס אָדער קאָנטר־רעוואָלוציעס. האָט זיך דאָס פאָלק נישט אָנגעשטעקט מיט האַס־ און ביטער־קייט־געפיל. אויך די רחבותדיקייט און רייכקייט פון קאָנטינענט, די לייכט־מעגלעכע עקאָנאָמישע עקספּאַנסיע פון לאַנד פירן דערצו, אַז ס'איז נישטאָ יענער שרעק, וואָס זאָל אין דער צוקונפט פאַר־גיפטן דאָס סאָציאַלע לעבן. עס וואָלט געווען אַ היסטאָריש־אומ־פאַרגעבלעכער טעות, אויב יידישע מאַסן, וואָס זוכן אַ היים, וואָלטן זיך נישט פאַרבונדן מיט אַזאַ פאָלק און לאַנד אין דער רעכטער צייט. באַזונדערס ווען אַזאַ פאַרבינדונג קען געבויט ווערן ניט נאָר אויפן יסוד פון צומאָל פאַרבייגייענדיקע, הו־מאַניטאַרע געפילן, נאָר הויפּטזעכלעך אויפן באַזיס פון קעגנ־זייטיקן נוצן און אינטערעס.

—:::—

דעם קימבערליי־פאַרשלאָג האָט מען פאַרגעבראַכט פאַר דער פעדעראַלער רעגירונג סוף 1941 ; ער איז אָבער ביז איצט נישט באַהאַנדלט געוואָרן צוליב דער מיליטעריש־געשפּאַנטער לאַגע פון אויסטראַליע. דער ענין שטייט אָבער קלאָר פאַר דער גאַנצער עפנטלעכער מיינונג פון לאַנד. ער וועט ממילא אַריינקומען ווי אַן עלעמענט אין דער גרויסער רעקאָנסטרוק־ציע־פּראָגראַם, וואָס די אויסטראַלישע רעגירונג האָט איצט געשטעלט פאַר זיך. בעת דער אַקאַרשטיקער וואָל־קאַמפּאַניע האָט קערטין דעם 9טן אויגוסט דערקלערט בנוגע דעם צפון פון לאַנד : „אויסטראַליע קען ניט דערפילן איר וויכטיקע ראָלע אָן באַפעלקערונג. מיר מוזן פאַרטאָפּלען אָדער פאַרדרייפאַכן אונדזערע איצטיקע זיבן מיליאָן מענטשן. אפילו דאָס וועט ניט זיין גענוג, ווייל עס וועט זיין רעלאַטיוו ווייניק אין פאַרגלייך מיט די מיליאָנען, וואָס שטייען אַזוי נאָענט צו אונדז”. אָבער מען מוז זיין קלאָר וועגן דעם, אַז אויך דער יידישער פּראָיעקט פאַר אויסטראַליע מוז אויסגעקעמפט ווערן : ער וועט נישט פאַרווירקלעכט ווערן פון זיך אַליין. אַ סאָלידער כוח פון יידישער און ניט־יידישער עפנטלעכער מיינונג מוז שטיין הינטער אים, כדי אַריינצושליסן אים אין די פּלענער פון דער וועלט־רעאָרגאַניזאַציע. דער באָדן דערצו איז צוגעגרייט.

זאָלן דאָ נאָך דערמאָנט ווערן עטלעכע טענות, וואָס מען שטעלט אַרויס פון צייט צו צייט קעגן דעם אויסטראַלישן פּלאַן. „וואָס פאַר אַ פּאָטענצן קען אַזאַ ישוב, לאָמיר זאָגן, פון פופציק אָדער הונדערט טויזנט מענטשן טראָגן אין זיך פאַרן יידנטום בכלל?" — האָט געפרעגט חיים גרינבערג („יידישער קעמפער" פון 29טן אָקטאָבער 1943). קיינער קען זיך היינט ניט פאָר־מעסטן פאָראויסצוזאָגן, וואָס פאַר אַ באַדייט דער אָדער יענער ניי־אויפקומענדיקער יידישער ישוב וועט האָבן אין יידישן וועלט־לעבן. וואָס וואָלט געוועזן די לאַגע פון אייראָפּעאישן יידנטום אין ארץ־ישראל ביי היינטיקן טאָג ווען מיט 50 יאָר צוריק וואָלט זיך נישט אָנגעהויבן דער אימיגראַציע־שטראָם פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע? ווער האָט דעמאָלט געקענט פאָר־אויסזען די ממש פּראָווידענציעלע ראָלע פון אַמעריקאַנער ישוב פאַר דעם יידישן פאָלק ווי אַ גאַנצן? צי קען מען מאַכן צו קליינגעלט די נייע גוואַלטיקע וועלט־אַנטוויקלונג, וואָס הייבט זיך אָן אין יענער זייט פּאַסיפיק, וואו אויסטראַליע איז דער צענטראַלער „אייראָפּעאישער" פּאָסטן און הונדערטער מילי־אָנען קאָלירטע מענטשן שטייען אויף צום היסטאָרישן לעבן? צי מעג דאָס יידישע פאָלק פאַרמאַכן די אויגן לגבי אָט דעם נייעם מערקווירדיקן קאַפּיטל פון דער מענטשהייט, און זיך אָפּזאָגן לכתחילה צו שאַפן אַ קאָנצענטרירטן יידישן פּאָסטן אין יענעם לעצט־פאַרבליבענעם פרייען קאָנטינענט?

אָבער — זאָגט מען אונדז — אַ פּלאַן פון יידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין אויסטראַליע שפּילט אַריין אין די הענט פון יענע קרייזן, וואָס טראַכטן ווי מען ווערט דערוויל פּטור פון יידישע תביעות אויף ארץ־ישראל. אַזעלכע כלומרשט־דיפּלאָ־מאַטישע אַרגומענטן זיינען ניט שטיכהאַלטיק. די תביעות אויף ארץ־ישראל זיינען שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלט־פּאָליטישער פּראַגע פון ערשטן ראַנג. די קעגנער פון אַ יידישער מלוכה, פּונקט אַזוי ווי די אָנהענגער, גייען אַרויס פון די אינטערעסן און פּרינציפּן, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט אַ צייט צוריק. די קעגנער נייטיקן זיך נישט אין אַ ניי־צוגעקומענעם, „אויסטראַלישן" אַרגומענט, כדי צו פירן זייער אַטאַקע אויף דער יידישער זאַך. דערצו קומט נאָך דאָס, וואָס דער קימבערליי־פּראָיעקט מאַכט עס באַזונדערס קלאָר, אַז

עס גייט ניט וועגן שאַפן אַ יידישן שטאַט אין אַן אַנדער טייל וועלט; ממילא איז ניטאָ אין פּרינציפּ קיין שום קאָנקורענץ צווישן די פּלענער. פון דער אַנדער זייט, מעג די ארץ־ישראל פּאָליטיק זיין באַגרינדעט ווי נאָר מעגלעך, ווער קען עס באַהויפּטן, אַז מען טאָר נישט צוגרייטן באַצייטנס פאַר די היימלאָזע ברידער אַן ארץ־מקלט, אין פאַל מען וועט עס באַדאַרפן?

וואו וועט זיך אָבער נעמען דער אידעאַליזם — פרעגט מען לסוף — וואָס איז נייטיק אויף אויפצובויען אַ לאַנד? צי קען אַ קימבערליי דערוועקן ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַלע געפילן און טריישאַפט אויף קרבנות ווי ארץ־ישראל, אָדער ווי די אידייע פון ווידער־אויפבוי פון יידישן לעבן אין אַלטן פּוילן? — געוויס, — פּונקט אַזעלכע געפילן קענען נישט קומען פון אַ קימבערלייוויזיע. אָבער צי שימערן נישט אַרויס פון דאָרטן האָפענונגען פון אַן אַנדער אַרט? עס איז דאָ די מעגלעכקייט נישט נאָר צו ראַטעווען זיך פון אונטערגאַנג, נאָר אויך פון שאַפן אַן אַקטיוון, שעפערישן יידישן לעבן. עס איז מעגלעך צו בויען אַ ישוב אויף יסודות פון פּאָליטישער פרייהייט און סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע, צו גרייטן דעם באָדן פאַר אַ קולטורעלן אויפשטייג אין יידישן גייסט. זיינען דאָס נישט קיין צוביבערהאַפטע אידייען, וואָס קענען דערוועקן דעם טיפסטן אידעאַליזם?

קיין ריכטונג אין פאָלק איז נישט דער איינציקער קוואַל פון יידישן אידעאַליזם. פאַרקערט, דאָס אומאויפהערלעכע פלאַקערן און לייכטן פון יידישן אידעאַליזם אַנטפּלעקט זיך אין די פאַרשיידענע ריכטונגען פון פאָלק. דאָס איז די טרייסט אין אונדזער איצטיקן גרויזאַמען לעבן, וואָס אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד לאָזט זיך דער יידישער עקשנות־גייסט ניט ברעכן. אין וואַרשעווער געטאָ, פּונקט אַזוי ווי אין די געפּערלעכע פּונקטן פון ארץ־ישראל, האָבן מיר געזען דעם אומצושטערבאַרן פייער ברענען. און אַז עס וועט קומען די צייט צו פאַרבינדן די וואונדן און ווידער אויפצושטעלן דאָס חרובע לעבן, וועלן די טיפע אוצרות פון אידעאַליזם ווייזן זיך אויף אַלע שליאַכן פון אונדזער פאָלקס־לעבן, צי מען וועט בלייבן אויפן אָרט, צי מען וועט וואַנדערן אין דער וועלט. ווייל אידעאַליזם אין אַ העראָאישן פאָלק איז איינהייטלעך און ניט־צעטיילבאַר.

צו דער „פרייל‌אַנד־ליגע פאַר טעריטאָריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע"

1819 בראָדוועי, ניו־יאָרק סיטי

דאַטע...

איך בין מסכים מיט די צילן און אויפגאבן פון דער „פרייל‌אנד־ליגע" און בעט אריינעמען מיך אלס מיטגליד מיט אַ יערלעכן מיטגליד־שטייער פון.........................$.

ביגעלייגט וועט איר געפינען די סומע..................$.

נאָמען ....

אדרעס ....

אונטערשריפט ....

ISBN:0-657-04562-4

255